Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

**הײנט 10 זײטען**

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 241 | Łódź, Poniedziałek 19 października 1931 r. | נײנטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג ח׳ מרחשון תרצ״ב | № 241

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# געשטארבען עדיסאן

## ניו-יארק, 18 (ספ. טעל.) היינט פארטאגס 3.25 איז אין ניו-יארק געשטארבען איינער פון די גרעסטע גאונים פון אונזער צייט, דער בעריהמטער ערפינדער טאמאס-אלווא עדיסאן.

* * *

טאמאס אלווא עדיסאן איז אלט געווען 84 יאהר.

אנגעהויבען זיין קאריערע האט ער אלס צייטונגס-יונגעל....

גלייכצייטיג האט ער זיך שטארק אינטערעסירט מיט כעמיע.

ער איז דער ערפינדער פונ׳ם עלעקטרישען לעמפעל, פון פאנאגראף; ער האט פערפולקומט דעם טעלעפאן א. אז. וו.

געארבייט האט ער ביז דער לעצטע צייט.

אין דער היגזיכט פון ארבייטסזאמקייט איז ער געווען אומפערגלייכליך, און וועגען דעם האבען זיך געשאפען לעגענדעס.

זיינס א בעקאנט ווערטעל איז געווען:

— „געניאליטעט בעשטייט פון איין פראצענט בעגייסטערונג און פון 99 פראצענט שווערע ארבייט“

## צום טויט פון וועלט-בעריהמטען ערפינדער




**אויבען:** דאס געבורטס-הויז פון עדיסאנ׳ען אין מילאנא (אהיא).
**אויבען, רעכטס:** עדיסאנ׳ס וויכטיגסטע ערפינדונג דאס עלעקטרישע לעמפעל אויף א יובילעאומס-מארקע פון די פעראייניגטע שטאטען.
**אונטען, לינקס:** עד סאן דעמאנסטרירט זיין יוגענד-ערפינדונג, דעם פאנאגראף.
**אונטען, רעכטס:** א יוגענד-פאטאגראפיע פון עדיסאנ׳ען.
**לינקס, אינגאנצען וואוקס:** די לעצטע אויפנאהמע פון דעם גאון-עולם.

## די פראנצויזישע באנק וועט דע-פאנירען אין ניו-יארק 200 — 300 מיליאן דאלאר אין גאלד

פאריז, 18 (ספ. טעל.) דער וואשינגטאנער בעריכט-אפגעבער פון „אדושענס פינאנסיער עט עקאנאמיק“ איז מודיע, אז דער פארשטייער פון דער פראנצויזישער מלוכה-באנק, פארניע, וועלכער פיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דער פעדעראל-רעזערוו-באנק, האט דערקלערט די גרייטקייט צו דעפאנירען אין אמעריקא 200—300 מיליאן דאלאר.

די פעדעראל-רעזערוו-באנק וועט הויבען דעם דיסקאנטא-זאץ ביז 4 פראצענט, און אפשר נאך העכער.

## ראט פון פעלקער-בונד איז זיך נישט מיאש

### און מאכט ווייטע זיצונגען וועגען דעם כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט

גענף, 18 (ספ. טעל.) היינט איז ... א זיצונג פון פעלקער-בונד-ראט וועגען דעם יאפאניש-כינעזישען סכסוך.

דינסטאג וועט ווידער פארקומען א זיצונג וועגען דעם ענין.

## יאפאן רעכענט זיך נישט

### מיט דער פארערונג פון פעלקער-בונד

גענף, 18 (ספ. טעל.) נעכטען ביינאכט איז פארגעקומען א זיצונג פון ראט, אויף וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען ארויסצושיקען א נאטע צו כינא און יאפאן צו ערלעדיגען דעם קאנפליקט אין מאנדזשוריען אויף א פרידליכען אופן. אין צווייטען פאל וועט אמעריקא געגעבען ווערען פרייע הענד צו האנדלען לויט׳ן אייגענעם איינזעהן.

ווי מען גיט איבער, איז יאפאן דעצידירט נישט צו רעכענען זיך מיט דער פאדערונג פון פעלקער-בונד.

## גראנדי קומט קיין בערלין

### כדי אויסצוארבייטען א געמיינזאמע שטעלונג לגבי פראנקרייך און אמעריקא

בערלין, 18 (ספ. טעל.) דעם 25. ה. ח. קומט דער איטאליענישער אויסערן-מיניסטער גראנדי קיין בערלין, כדי צו קאנפערירן מיט דער דייטשער רעגירונג וועגען שאפען א געמיינזאמע שטעלונג פון דייטשלאנד און איטאליען לגבי פראנקרייך און אמעריקא — אין שייכות מיט דעם פלאן, אז די פראנצויזישע רעגירונג זאל האבען א קאנטראלע איבער די אמעריקאנער פינאנצען, כדי צו קענען שטיצען די פעראייניגטע שטאטען.

## יודישע ארבייטער

### אין דער קליידונג-אינדוסטרי פון ווייסרוסלאנד

מאסקווע, (יט״א) די ווייס-רוסלענדישע קליידונג-אינדוסטריע האט אויסגעפיהלט איהר 5-יעהריגען פלאן אין צוויי יאהר מיט 9 חדשים: לויט דעם פלאן האט ווייס-רוסלאנד געדארפט אויסארבייטען אין 5 יאהר פאר 1 מיליארד מיט 500,000 טויזענד רובל קליידער, און אויסגעארבייט האט זי אין 2 יאהר מיט 9 חדשים פאר העכער אנדערט-האלבען מיליאן רובעל — 104 פראצענט פון גאנצען פלאן.

העכער 60 פראצענט פון אלע ארבייטער אין דער ווייס-רוסלענדישער קליידער-אינדוסטריע זענען יודען. אין די גרויסע ניי-פאבריקען פון מינסק, וויטעבסק, האמעל און מאהילעוו דערגרייכט די צאהל יודישע ארבייטער ביז 85 פראצ., 70 פראצענט פון די בעשעפטיגטע אויף די פאבריקען זענען פרויען.

די ווייס-רוסישע קליידער-אינדוסטריע, וואס האט אין 1927 געצעהלט 500 ארבייטער, בעשעפטיגט איצט 20 טויזענד ארבייטער. דער פלאן פאר 1932 איז 23 טויזענד ארבייטער און פאר 300 מיליאן רובעל פערטיגע פראדוקציע.

## לאוואל וועט פארשלאגען הובער׳ן

### צו פערקלענערען די אינטערנאציאנאלע חובות אויף 50 פראצ.

פאריז, 18 (ספ. טעל.) דער רעדאקטאר פון „מאטען“, דער בעריהמטער פראנצויזישער זשור-נאליסט זשול זויערווין האט פערעפענטליכט א ני-ארטיקעל, אין וועלכען עס ווערט צ. א. געזאגט:

„פעטער לאוואל פאהרט קיין אמעריקא מיט א גרייטען קאנסטרוקטיווען פלאן. אנשטאט צו שטיצען די אונטערהאנדלונגען אויף א געוויסער צאהל פונקטען, וועט ער פארשטעלען דעם שטאנד פונקט פון זיין רעגירונג און פאלק. געגומען אין א לאגישער גאנצקייט.

„אויף וויפיל עס האנדעלט זיך וועגען די אינטערנאציאנאלע חובות, וועט לאוואל ערקלערען דעם פרעזידענט הובער, אז פראנקרייך אנערקענט די נויטיגקייט פון בריינגען קרבנות, אבער דאס פראקלאמירען א מאראטאריום האלט זי פאר א נישט-ענטשפרעכענדע פארם.

„א מאראטאריום האט דאך צוויי פינסטערע זייטען: קודם בעדראהט א מאראטאריום אנצו-הויפען אויסערגעוועהנליך גרויסע חובות-סומען, וועלכע ווערען צאהלבאר נאכ׳ן אפלויף פון דער פראלאנגאטע, און חוץ דעם, צוליב דעם ווערט מעג-ליך די טענדענץ מצד די פעלקער צו ערקלערען זיך פאר באנקראט.

„א סך גלייכער ווייזט זיך-אויס צו זיין דאס אויסשטרייכען פון א טייל חובות. מ׳דארף אזוי ווייט געהן, ס׳זאלען אויסגעשטראכען ווערען 50 פראצענט. די פעראייניגטע שטאטען וואלטען אין אזא פאל געהאט היזק אנ׳ערך צוויי הונדערט מיליאן דאלאר יעהרליך.

„זייער קרבן וואלט זיכער געווען דער גרעסטער און אלס אנערקענונג פון דעם פאקט וואלט פראנקרייך געקאנט, לויט די אמעריקאנישע כוונות מאכען גרעסערע הנחות אין דער היגזיכט פון ענט-וואפענונג“.

—=:0:=—

